

דער נסתר
1952—1884



1952—1890
לייב קוויטקאָ



בנימין זוסקין
1952—1899



איציק פעפער
1952—1900

ירושלימער אלמאנאך 14 (1982)

**חנא שמערוק**

# דעם נסתרס ״דער ליאָוועך״ — אַ פאַרגעסענע דערציילונג פון 1910

אין דעם ערשטן פּעריאָד פון דעם נסתרס שאַפן, ביזן יאָר 1913 בערך, זענען זייער בולט זײַנע פאַרשיז־נמיניקע און טייל מאָל אפילו אומדערוואַרטע און אויבנאויפיק סתירותדיקע זוכעניש. און דאָך איז די דאָזיקע פאָרמאַטיווע תקופה אינעם נסתרס שאַפן ביז גאָר וויכטיק און באַלערעוודיק אויך דערפאַר, ווײַל שוין דעמאָלט קומען צום אויסדרוק אין די ווערק פונעם יונגן שרײַבער אַ ריי מאָטיוון און טענדענצן, וואָס רופן זיך דירעקט איבער מיט זײַן שפּעטערדיקן שאַפן, סײַ אין דער תקופה פון דעם נסתרס סימבאָליסטישע מעשיות און סײַ אין זײַן ברייט פאַרמאָסטענער, אָבער ניט פאַרענדיקטער סאַגע **״די משפחה משבר״** [1].

אין דער דאָזיקער תקופה איז דער העברעיִשער דיכטער־אָנהייבער, פּינחס כהנוביץ, געוואָרן אַ יידיש־שרײַבער, וואָס איז שפּעטער באַרימט געוואָרן ווי דער נסתר. איצט ווייסן מיר אַז די דאָזיקע פאַרוואַנדלונג איז געשען צווישן 1903 און 1907 [2]. זינט 1907, ווען דער נסתר האָט דעביוטירט אין יידיש, און ביז 1913, ווען ער האָט אין זײַן ״אַ מעשה מיט אַ נזיר און מיט אַ ציגעלע״ [3] אײַנגעשטעלט זײַן אייגנאַרטיקן מעשה־נוסח בײַ וועלכן ער האָט זיך געהאַלטן ביז 1929, זענען גאָר קענטיק זײַנע פײַנלעכע זוכענישן אין פאַרשידענע ריכטונגען און זײַנע פּרוּוון מיט פאַרשידענע אויסדרוק־מיטלען. און ס׳האַנדלט זיך דאָ ניט נאָר אין סטיל־און

1 וועגן די פאַרשיידענע תקופות אין דעם נסתרס שאַפן זען מײַן אַרײַנפיר צו דעם נסתרס **הנזיר והגדיה**, ירושלים 1963, ז״ז 9—52. צוואַנציק יאָר נאָך דעם ווי דער אַרײַנפיר איז געשריבן געוואָרן האָבן זיך אָנגעזאַמלט ניט ווייניק נייע מאַטעריאַלן וואָס דערמעגלעכן איצט באַרײַכערן און פאַרטיפן אונדזער וויסן וועגן דעם נסתר און זײַן שאַפן. זען די דערמאָנונגען וועגן די נייע מאַטעריאַלן אין די ווײַטערדיקע הערות.

2 פינחס כהנוביץ — דער נסתר, ״פרחי נער״ **בחינות**, 7 (1977) ז״ז 134—145 און דב סדנס אַרײַנפיר צו די לידער ״עם שירי הנוער העבריים של דער נסתר״, דאָרט, ז״ז 127—133. זען אויך דב סדן, ״על כוכב הגאולה — בין ראשיתו של דער נסתר ואחריתו״, **דבר**, פונעם 16טן סעפּטעמבער 1977. די בײדע אַרבעטן זענען אַרײַן אין דב סדנס בוך **ארחות ושבילים**, כרך סופרי יידיש וספרותה, תל־אביב 1979, ז״ז 108—128. אַ ייִדישע ווערסיע פונעם אַרטיקל וואָס איז דערשינען אין **דבר**: ״דער שטערן פון דערלייזונג״ איז פאַראַן אין דב סדנס בוך ״שווערן און טירן״, תל־אביב 1979, ז״ז 43—59.

3 די דערציילונג איז איבערגעדרוקט אין דער אַנטאָלאָגיע **״אַ שפּיגל אויף אַ שטיין״**, רעד׳ ח. שמערוק, תל־אביב 1964, ז״ז 134—158. דאָרט אויף ז׳ 777 זענען פאַרצייכנט די פריערדיקע פּובליקאַציעס פון דער דערציילונג.

אויסדרוק־פארמען, נאר אויך אין א געוואגטער טעמאטיק, וואס איז געווען גאנץ ניי אין דער יידישער ליטעראטור פון יענע יארן. שוין אין 1907 באווייזט זיך דער נסתר מיט זיין "מרים" (א פירוש אויפן מאטיוו פון "מאליטווא דעווי"), א פרווו ווידער צו פאראייגענען און אנאכראניסטיש צוריק צו פארייִדישן דאס געשטאלט פון קריסטוסעס געווינערין [4] עטלעכע יאר שפעטער האט ער זיך אנטפלעקט אין זיין בוך "העכער פון דער ערד" (ווארשע 1910) מיט פרווון פון קבלה־רעפלעקסיעס אין יידיש. במשך פון דער גאנצער באהאנדלטער תקופה איז זיין געוואגטע עראטיק א סימן מובהק פון א גאנצער ריי פון זיינע פארעפנטלעכטע ווערק [5]. אבער נאר א קליינער טייל פון דעם נסתרס ווערק פון די יארן 1907—1913 זענען באקאנט דעם יידיש־לייענער און דעם ליטעראטור־פארשער. זיינע דריי ביכער פון יענער תקופה [6] זענען זייער זעלטן און כמעט אלץ וואס דער נסתר האט אין יענע יארן אויך געדרוקט אין זאמלביכער, זשורנאלן און צייטונגען איז מער ניט איבערגעדרוקט געווארן און ניט אריין אין זיינע ביכער, ניט פארן שרייבערס לעבן און ניט נאך זיין טויט. די ווייטערדיקע פובליקאציע פון דעם נסתרס לחלוטין פארגעסענער [7], אבער ביז גאר סימפטאמאטישער דערציילונג "דער ליאָוער" איז א צושטייער צו דער ווייטערדיקער פארשונג פון דער תקופה אין דעם נסתרס שאפן.

"דער ליאָוער" איז דערשינען אין דער טעגלעכער צייטונג **דער פריינד** פונעם 28סטן יאנואר 1910. דאס איז דעם נסתרס איינציקע דערציילונג פון חסידישן שטייגער ביז דער שרייבער האט מיט יארן שפעטער די טעמע ווידער אויפגעהויבן אין די ברייטע שילדערונגען פון דער בראצלאווער חסידישער עדה אין זיין "די משפחה משבר". די דערציילונג איז פיין אויסגעהאלטן אין באנוץ פון דעם חסידישן לשון און פון חסידישע ספעציפישע סטיל־געוווינהייטן, כאטש ס'לאזט זיך שוין דא און דארט באמערקן דעם נסתרס ספעציפישער זאצבוי מיט זיינע אינווערסיעס.

4 צום ערשטן און צום איינציקן מאל דערשינען אין דעם נסתרס בוך "געדאנקען און מאטיוון", ווילנע 1907, ז"ז 13—23.

5 די עראטיק איז ביז גאר בולט אין זיין "פויליש" און "קלעאפאטרע" — ביידע אין ליטעראַרישע מאנאטסשריפטען, ווילנע 1908, נומ' 1, ז"ז 47—58 און נומ' 4, ז"ז 35—50. זען אויך אין זיין פאעמע פון יענע יארן "פרילינג", **דער שטראהל**, ווארשע, נומ' 25, ז"ז 3—19.

6 אויסער די צוויי דערמאנטע (אויבן און אין הערה 4) אויך: **געזאנג און געבעט**, קיעוו [1912].

7 די דערציילונג איז ניט פארצייכנט אין דער ביבליאגראפיע פון א. פינקעלשטיין און מ. ראזענהויז, "דעם ניסטערס ווערק", **סאוועטיש היימלאנד**, 1 (1970), ז"ז 150—152. "דער ליאָוער" האט זיך אפגעפונען א דאנק דעם ביבליאגראפישן פראיעקט ביי דער יידיש־אפטיילונג פון דעם העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים, וואס פארצייכנט דעם אינהאלט פון דער יידישער פעריאָדיק. ביי דער געלעגנהייט וויל איך הארציק דאנקען פר' דינה אבראמאוויטש, דער ביבליאטעקארין פון ייווא אין ניו־יארק פאר דער פאטאקאפיע פון דער דערציילונג, וואס דערגאנצט דעם דעפעקטן עקזעמפליאר פון דער צייטונג אין דער נאציאנאלער און אוניווערסיטעט־ביבליאטעק אין ירושלים.



ס'איז אין תוך א רעאליסטישע דערציילונג. דער פאן פון "דער ליאָוער" איז א היסטאריש רעאלער און א גוט באקאנטער. "דער ליאָוער" פון דעם נסתרס דערציילונג איז ר' דב בער אדער בערעניו פרידמאן, א בארימטער צדיק, איינער פון ר' ישראל ריזשינערס זעקס זין, וואס האבן נאך דער פטירה פון זייער פאטער (1850) במשך פון דער צווייטער העלפט פון 19טן יארהונדערט געוועלטיקט איבער גאר גרויסע חסידישע עדות אין אוקראינע, גאליציע, בעסאראביע און רומעניע. דער פאטער און דריי פון דעם ליאָווערס ברידער ווערן טאקע בפירוש דערמאנט אין דעם נסתרס דערציילונג: דער סאדיגורער (ר' אברהם יעקב), דער הוסיאטינער (ר' מרדכי שרגא) און דער טשארטקאווער (ר' דוד משה) [8].

די האנדלונג פון דעם נסתרס "דער ליאָוער" וויקלט זיך פונאנדער אין הינטערגרונט פון א געשעעניש וואס האט אויפגערודערט די גאנצע חסידישע וועלט אינעם יאר תרכ"ט/1869. ר' בערעניו, דער ליאָוער, וואס זיין חסידישע הנהגה איז שוין פריער געווען א גאנץ פראבלעמאטישע, האט דעמאלט פארלאזט זיין וויינגארט, אוועק קיין טשערנאוויץ, זיך אויפגעהאלטן דארט ביים ד"ר י. ל. רייטמאן, א דעמאלט בארימטן משכיל. פון טשערנאוויץ האט זיך פארשפרייט די ידיעה, אז דער רבי איז אראפ פון חסידישן דרך הישר און איז געווארן א משכיל. די ידיעה איז אויך דערשינען אין די דעמאלטיקע העברעישע פעריאָדישע אויסגאבעס. זעקס וואכן האט דער ליאָוער פארבראכט אין טשערנאוויץ ביים ד"ר רייטמאן. זיין פארצווייגטע רביישע משפחה האט זיך אריינגעמישט אויף א זייער ענערגישן אופן און צוריקגעבראכט דעם ליאָווער קיין סאדיגורע. אין אנהייב האט מען געפרווט דערווייזן, אז ער פירט זיך אויף ווי פריער און פראוועט אפילו טיש. אבער פאקטיש האט ער פון דעמאלט אן און ביז זיין טויט אין יאר תרל"ו/1875 געלעבט פאראיינזאמט אין סאדיגורע אונטער דער השגחה פונעם עלטערן ברודער. די קעגנעריש קאנקורירנדיקע חסידישע מחנה פון די סאנדזער האט אויסגעניצט די געשעעניש אין איר קאמף קעגן די ריזשינער יורשים. ס'האט זיך אנטוויקלט א העפטיקע אומברחמנותדיקע מלחמה צווישן די צדדים, וואס האט אנגעהאלטן א גאנץ לאנגע צייט [9].

די עיקרדיקע געשעענישן און די דערמאנטע געשטאלטן זענען אין דעם נסתרס דערציילונג בדרך כלל געטריי די באקאנטע און זיכערע היסטארישע פאקטן. אפילו די ציטאטע פון דעם סאדיגורערס מויל וועגן זיין ברודערס כפירה ("יידן! א סך פון אונדז האבן ביז אהער געמיינט און טייל מיינען נאך איצט אויך, אז דעם ברודערס דרך איז אויך א דרך, זיין דרך, — יידן, מיר זענען אייך מודיע, איז קיין

8 די עיקרדיקע ביאגראפישע פרטים וועגן דער דאזיקער דינאסטיע: יצחק אלפסי, **החסידות** תל־אביב 1977, ז' 36.

9 זען די שילדערונג פון דער פרשה צוזאמען מיט דער פובליקאציע פון א נייעם מיט־צייטלערישן דאקומענט ביי יצחק רפאל, "לפתרון התעלומה של רבי דוב בער מליאובה", **ארשת**, ו (תשמ"א), ז"ז 211—221.

דרך נישט! ער איז אַראָפּ פון וועג!״ — זען וויַיטער), איז אין ז׳עם נסתרס דערציילונג געבויט אויף אַ פּאַראַלעלן פּאַרלאָזלעכן חסידישן מקור: ״יש החושבים כי דרכו של אחי הוא דרך הקודש, לא, לא כן האמת: אחי סר מן הדרך הישר״[10]. אָבער כאָטש דער נסתר האָט זיך געמיט צו זיַין געטריַי די היסטאָרישע פאַקטן און איז וויַיזט אויס געווען באַהאַוונט אין די מקורות וועגן דעם ליאָווער, איז ניט דער ליאָווער אַליין דער עיקר אין דעם נסתרס דערציילונג. דאָס געשטאַלט פונעם רבין איז גאָר וויכטיק אין דער דערציילונג, ס׳איז אָבער גיכער אַ פאַן־געשטאַלט, וואָס ווערט פּרעזענטירט אויף אַן אומדירעקטן אופן. די וואָס דערציילן וועגן אים שטייען אין צענטער פון דעם נסתרס אינטערעס אין דער דערציילונג. אַלץ אין דער דערציילונג קומט פאָר אין אַ חסידישער קלויז אין אַן אָרט וואָס זעט אויס צו זיַין גאַנץ וויַיטלעך סיַי פון דעם ליאָוורס ווינאָרט און סיַי פון די אַנדערע חסידישע צענטערס, וואָס ווערן אין דער דערציילונג דערמאָנט. דער נסתר האָט קודם כל אין זינען אַרויסצוברענגען די השפעה און די קאָנסעקווענצן פון דעם ליאָוורס שריט אויף דער חסידישער עדה, וואָס איז מיט אים געווען פאַרבונדן. די עדה צעפאַלט זיך, וויַיל דעם ליאָוורס חסידים קענען קיין אַנדערן מנהיג ניט געפינען:

״און טאַקע אַן אמתער צער איז דערנאָך געווען צו זען, ווי אַלטע, גריַיז־גראָע ייִדן, די עלטסטע חסידים, די זקני הדור האָבן זיך נעבעך, ווי די שאָף אָן אַ פאַסטעך, אומגעבלאָנקעט — אָן אַ חוזה, אָן אַ טרייסט און אָן דעם אמתן מורה דרך... טייל האָבן אפילו געפּרוּווט נאָך דערנאָך אַרומפאָרן און ׳זוכן׳, נאָר קיינער פון זיי האָט שוין גאָרנישט ניט געפונען, דאָרט גאָרנישט ניט געפונען, דאָרט גאָרנישט ניט געזען...״ (זען וויַיטער).

און לאָמיר דערמאָנען, אַז ממש אין דער תקופה, אין אָנהייב פון יאָרהונדערט, האָט פּרץ שוין געהאַט פאַרעפנטלעכט עטלעכע נוסחאות פון זיַין העברעיִש־יידישן **חורבן בית צדיק** — ״**די גאָלדענע קייט**״, זיַין דראַמע, וואָס באַהאַנדלט אַ גאָר ענלעכע פּראָבלעמאַטיק. אויך אין דער משפחה פון די רביים אין פּרצעס דראַמע גייט אַ טאָכטער אַוועק צום משכיל, דעם ד״ר בערגמאַן, און אַרום דער געשעעניש דערגייט אויך דאָרט צום קריזיס פון דער חסידישער הנהגה. אויך דאָרט בלײַבט כמעט ניט קיין האָפענונג פאַרן המשך פונעם חסידישן הויף און ס׳דראָט אים אַ כמעט אומפאַר־מיַידלעכער צעפאַל און חורבן.

סיַי פּרץ, און אין דעם זינען אויך זיַין תלמיד דער נסתר[11], האָבן אינעם עבר פון הסידות געוואָלט זען אַ רומפולע תקופה פון אויטאָראַטיווער און דערהויבענער ספּיריטועלער הנהגה און געקוקט אויף צוריק מיט בענקשאַפט אין אַנבליק פונעם

10 רפאל, דאָרט, ז׳ 213.
11 זען דעם נסתרס, ״פּרץ האָט גערעדט און איך האָב געהערט״, אין זיינע ״**דערציילונגען און עסייען**״, ניו־יאָרק 1957, ז״ז 279—289.



חורבן און דעזאינטעגראַציע פון די חסידישע עדות. און סיַי בײַ פּרצן און סיַי בײַם נסתר האַנדלט זיך ניט נאָר אין דער חסידישער הנהגה, נאָר אויך אין דער גאַנצער טראַדיציאָנעלער הנהגה, אין ״זקנים״ און ״ישישים״, וואָס האָבן אין ״אַמאָליקע ציַיטן״ אַליין געהאַט אַ פעסטן דרך פאַר זיך און אויך געהאַט דעם כוח אויף דעם דרך צו פירן די קומענדיקע דורות. דער התמעטות־הלבבות-מאָטיוו בײַ פּרצן איז גוט באַקאַנט פון אַ ריי פון זיַינע ווערק[12]. אויך בײַם נסתר איז עס אַן עיקר, ווען ער שילדערט נאָסטאַלגיש פאַרגאַפט די אַמאָליקע זקנים־מדריכים. אין זיַין ״פּויליש״ און ״פרילינג״[13] און אויך ווען ער קלאָגט אין ״מיר״ אויף זיַין. אייגענעם פאַריתומטן דור:

וויַיל —
אויסגעלאָזט האָט
איצט זיך אַלעס,
בײַ דעם פאָלק
די אַלטע, שטילע
פון דעם פאָלק
די רויִק קלאָרע,
יענע זקנים
אינעם שוויַיגן
און די חשובע
מיט אויגן,
מיט די ריינע
און געזעצטע,
וואָס זיי זאָרגן
פאַר דער אומה
פלעגן יאָרן
אויף דער עלטער
און באַשיַינען אונדז
געזינדן,
נאָר מיט קוקן שטיל
אויף טאַטעס,
אַכטונג געבן
אויף די וועגן,

נאָר מיט לערנען
מיט די אויגן,
זעלטן עצהן זיי
מיט ווערטער;
אויסגעשטאָרבן
זענען יענע,
אָט די קלוגע ליַיט [...]
[...] איצט מיר שטייען
אין דער מיטן,
אַלטע ציַיט
איז דאָך פאַרגאַנגען,
נײַע וועגן
נאָך פאַרהוילן,
און מיר שטייען
שאָף אויף סטעפּעס
און בײַ נאַכט
און אין דער פינצטער
קאָפּ צו קאָפּ,
בײַ רוקן — רוקן
און צונויפגעדריקט
אין רעדל,
אומבאַהאָלפן
און דערשראָקן...[14]

12 זען אין ח. שמערוק, פּרצעס ייאוש־וויזיע, ניו־יאָרק 1971, ז״ז 39—42.
13 זען אין הערה 5 אויבן.
14 דאָ ציטירט פון אַ שפּיגל אויף אַ שטיין, ז״ז 132—133. ״מיר״ איז געהאַט דערשינען אין דעם נסתרס ״געזאַנג און געבעט״, ז״ז 5—12.

און ס'איז קלאר אז אויך "דער ליאווער" דארף קודם כל פארשטאנען ווערן אין דעם דאזיקן ווייטאקדיקן פראבלעמען-קרייז פון שארפן קריזיס, וואס איז אזוי בולט אין דעם נסתרס שאפן פון יענע יארן און אויך שפעטער אין די געשטאלטן פון די זוכנדיקע נזירים, וואנדערער און גייערס פון דעם נסתרס סימבאליסטישע מעשיות.

אזוי ווי דאס געשטאלט פונעם אלטן קאצקער [15] האט אויך דער ליאווער געלאקט יידישע שרייבער, וואס האבן געפרווט געבן א דראמאטישן לבוש דער דאזיקער טראגישער פערזענלעכקייט פונעם חסידישן רבין, וואס איז אראפ פונעם וועג. מיר פארמאגן פון סוף צוואנציקער און אנהייב דרייסיקער יארן דריי דראמעס, אין וועלכע מ'האט זיך פארמאסטן מיטן דאזיקן געשטאלט אין פרווון היסטאריש און פסיכאלאגיש צו באגרינדן דעם ליאווערס קריזיס און זיינע מעשים [16]. מיט יארן צוריק האט דער קריטיקער י. ראפאפארט רעצענזירט אלע דריי דראמעס צוזאמען און ארויסגעטראגן דעם פאלגנדיקן גאר שארפן אורטייל:

"מ. ב. שטיין האט געמאכט פון ליאווערס דראמע א שפאנענדע מעלאדראמע; י. באטאשאנסקי האט געמאכט פון איר א סענסאציאנעלן ליבע-ראמאן מיט משכילישע חן-פינטעלעך; מיכל דאווידזאן האט געמאכט פון איר א לאנגן משכילישן פארס. אלע דריי האבן, יעדער אויף זיין שטייגער, געקוילעט אן אינטערעסאנטע היסטארישע געשטאלט. זיי האבן זי נישט נאר באארבעט שעפעריש, נאר אפילו ריין דעקאראטיוו זי דעגראדירט דורך נישט געלונגענע אינסצעניזאציעס. די געשטאלט פון ר' בער ליאווער ווארט נאך אויף א דראמאטורג, ווי א סך אנדערע ווונדערבארע געשטאלטן און שטאפן פון אונדזער גייסטיק רייכער געשיכטע" [17].

ס'זעט אויס, אז ראפאפארט האט וועגן דעם נסתרס דערציילונג ניט געוווסט.

15 פרצן האבן חסידים באשולדיקט אז אין "די גאלדענע קייט" האט ער אין זינען געהאט דעם אלטן קאצקער. אין י. אפאטאשוס "אין פוילישע וועלדער", איז דער קאצקער א צענטראל געשטאלט. וועגן קאצקער האט אויך געשריבן מ. ב. שטיין (= מ. בארנשטיין), "ערד און הימל", ווארשע 1926. אפרופן וועגן דער דראמע אין פארגלייך מיט פרצן און אפאטאשון: ז. זילבערצווייג "לעקסיקאן פון יידישן טעאטער", באנד 6, מעקסיקע 1969, ז"ז 4940—4944. מ. ב. שטיין האט אויך אנגעשריבן א דראמע וועגן ליאווער. זען אין דער ווייטערדיקער הערה.

16 מ. ב. שטיין (= מ. בארנשטיין), די חורבה, דראמע אין אכט בילדער, ווארשע, פארלאג פנחס גראובארד, 1930; יעקב באטאשאנסקי, "דער ליעווער", היסטארישע דראמע אין 4 אקטן — אין זיין בוך "דראמען", בוענאס איירעס 1933, ז"ז 3—70; מיכל דאווידזאן, "דער ליעווער רבי", היסטארישע דראמע אין פיר אקטן, שיקאגא, פארלאג ל. מ. שטיין, 1935. דאווידזאן אליין איז געוועזן א ליאווער. אין זיין בוך געפינט זיך דעם ליאווערס בילד צוזאמען מיט א רעפראדוקציע פון זיין חתימה.

17 י. ראפאפארט "טראפנס גלויבן" מעלבורן 1946, ז' 35.



מיט יארן שפעטער איז דאס געשטאלט פונעם ליאווער ווידער אויפגעשווומען ביים נסתר אינעם צווייטן טייל פון "די משפחה משבר" ווי א פאראלעל צו אן ענלעכער אבער ווייט ניט אידענטישער סיטואציע. ווען לוזי קומט צום רבֿ, כדי צו פארטיידיקן און מלמד זכות זיין אויף מיכל בוקיער, דעם אומגליקלעכן בראצלאווער חסיד, וואס ווערט אויף א דעמאנסטראטיוון און ארויסרופערישן אופן א כופר און גייט אוועק צו די משכילים, מאכט ער דארט א פארגלייך צווישן אים און צווישן דעם ליאווער. מ'דארף דערביי אין זינען האבן, אז דעם ליאווערס פרשה האט אינעם בוך געדארפט זיין פריש אין זיכרון פון די געשטאלטן, ווייל די צייט פון די געשעענישן אין צווייטן טייל פון "די משפחה משבר" ווערט באשטימט אין די זיבעציקער יארן [18]. וועלן מיר פארענדיקן מיט א ציטאטע פון "די משפחה משבר", וועגן דעם טיטל-געשטאלט פון דעם נסתרס אפגעפונענער דערציילונג. ביידע טעקסטן, דער פון 1910 און דער פון ארום 1944 [19], דערגאנצן איינער דעם אנדערן:

"[...] ווייל אט האט זיך די לעצטע צייט געמאכט דער פאל מיטן ליאווער — ניט אבי ווער, נאר אליין א גדול, א זון און א ברודער פון גדולים, וואס האט אן ענלעכע מעשה אפגעטאן און איז אריבערגעלאפן צו די טשערנא-וויצער, וועלכע האבן זיך מיט אים, ווי באוווסט, שטארק דערפרייט און אים גענומען אונטער זייער שוץ. שטעכנדיק די אויגן פון די פרומע קעגנער זייערע מיט אזא, ווי דעם, וועמען זיי האבן אויף זייער זייט אריינגעקריגן. די זאך איז אלעמען באוווסט, נישט געקוקט דערויף, וואס די אייגענע, קרובים, ברידער פונעם געטראפענעם האבן דאס אזוי געוואלט פארשטעלן און האבן אלערליי שיפלות געטאן, מ'זאל יענעם צוריק ווידער צו זיך אריבערציען... ס'האט ניט געהאלפן [...]" [20]

18 דער נסתר אליין האט זיך געוואקלט וואס שייך דער צייט פון די געשעענישן אין זיין בוך. זען ח. שמרוק, "ארבע אגרות של דער נסתר — לתולדות ספרו 'די משפחה מאשבער' והדפסותיו", בחינות, 8—9 (1977—1978), ז"ז 227—228.

19 וועגן דער דאטירונג פון דעם טייל פונעם בוך זען אין מיין ארבעט וואס איז דערמאנט אין דער פריערדיקער הערה.

20 דער נסתר, "די משפחה מאשבער", צווייטער טייל, ניו-יארק 1948, ז"ז 90—91.

## דער ליאָווער

בײַ אונדז איז מען פון דער געשיכטע געוואָר געוואָרן באַלד. באַלד נאָך יום־טובים, — אַז חסידים, וואָס זענען אַהין אויף ימים־נוראים און אויף סוכות געפאָרן, האָבן אָנגעהויבן פון דאָרט זיך צוריק צונויפצופאָרן, — האָט מען בײַ אונדז אין קלויז, צווישן מנחה־מעריב, און בײַ דעם שײַן פון אײנציקע לאָמפּן, אויך נאָך מעריב, אומרויִקע חסידים־רעדלעך באַמערקט. עלטערע און מיטעלע ייִדן מיט גראָע און גרויסע בערד זענען אין מיטן די רעדלעך געשטאַנען, האַרט נעבן זיי האָבן זיך יונגעלײַט, נאָך מיט קלײנע שוואַרצע בערדלעך, געטוליעט און אַרום די רעדלעך האָבן ייִנגלעך זיך צונויפגעקליבן. טייל זענען אויף די שפּיץ פינגער געשטאַנען און אין די רעדלעך אַרײַנגעקוקט. טייל האָבן זיך מיט אײנע זײַטן נאָר געטוליעט און מיט אײנע אויערן, מיט נײַגיר און אײַנגעהאַלטענעם אָטעם צו די רעדלעך זיך צוגעהערט. גאָר אַלטע חסידים־זקנים זענען צו צווייִ, צו דרײַ אין די ווינקלען געשטאַנען, צווישן זיך פריִער שטיל איבערגערעדט, דערנאָך העכער טענהן אָנגעהויבן און אין אַ חילוקי־דעות אַרײַן. אײן ר׳ יוסף ישראל — דער עלטסטער בײַ אונדז אין קלויז, דער עלטסטער זקן פון ״זײַנע״ חסידים — ער אַליין נאָר איז צו קיין רעדל נישט צוגעגאַנגען, מיט קײנעם נישט גערעדט, ווי זײַן שטייגער איז געווען. די הענט אין די הינטערשטע קעשענעס פון דער קאַפּאָטע פאַרשטעקט, דעם קאָפּ הויך איבער די אַקסל געהאַלטן — האָט ער איבערן מזרח אַרומגעשפּאַנט, איז פון וואַנט צו וואַנט געגאַנגען, ברייט די אויגן געעפנט און פאַרטראַכט און גלײַך מיט זיי געקוקט; געשפּאַנט, פון וואַנט צו וואַנט געגאַנגען, אָפּגעקערעוועט און ווײַטער צוגעגאַנגען, אַזוי אַ סך, אַ סך מאָל, — ווען ניט ווען נאָר, פּלוצלינג, אין מיטן גיין זיך בײַ אַ שטענדער אַ שטעל געטון, מיט האַלבן גוף זיך איבער אים איבערגעבויגן, האַנט אויף שטענדער און קאָפּ אויף האַנט אָנגעשפּאַרט, און אַזוי, אײַנגעבויגענער־הייט, געשטאַנען און געשטאַנען, געטראַכט און געטראַכט, דערנאָך פּאַמעלעך זיך אויפגעשטעלט און רויִק, רויִק און באַטראַכט, ווי אַ שטילע, נאָר שלעכטע מחשבה אָוועקטרײַבנדיק, עטלעכע מאָל מיטן קאָפּ הין און צוריק געדרייט, ווי אײנער רעדט: נײן, נײן . . . ס׳קאָן נישט זײַן.

און דערציילט האָבן די אָנגעפאַרענע, אין די רעדלעך שטייענדיק:

— ס׳האָבן דאָס שוין לאַנג די גבאים באַמערקט, נאָר זיי האָבן די העזה נישט געהאַט, פאַרן מויל דאָס נישט געבראַכט . . . נאָר באַלד האָבן דאָס שוין די מקורבים דערזען. און זיי אויך — האָבן זיך פריִער צווישן זיך דערמיט אַרומגעטראָגן, — דאָס אַלץ צוגעדעקט, פון מויל צו מויל נאָר איבערגעגעבן, זיך געשושקעט און



געסודעט. אַזוי לאַנג ביז . . . ס׳איז צום עולם געקומען. און דער עולם מורמלט: חילול הקודש . . . סטײַטש, מזלזל במצוות: נישט קיין טבילה, נישט קיין תפילה . . . ס׳איז דאָך אַ הימלגעשריי — טעג וואָס ער לייגט קיין תפילין נישט . . . טשערנאָוויץ. בײַ די טשערנאָוויצער אפּיקורסים געווען, איבערגעקערט . . . געקומען נישט דער. גייט גאַנצע טעג אַרום פאַרטראַכט, ווײַזט זיך אויף דער ליכטיקער שײַן נישט, רעדט נישט, פּדיונט נישט. גבאים גייען אָן קעפּ אַרום. מקורבים זיפצן שטילערהייט און ווייסן נישט וואָס צו טון. צו די זקנים ווענדט מען זיך, נאָר זקנים ווייסן אויך נישט . . . זיי האָבן אויך די קעפּ פאַרלאָרן, גייען איבער די קלויזן אַרום און קרעכצן אַלץ: אַ צאָרן, אַ צאָרן. פון דער מעשה ווייסט מען שוין אומעטום, בײַ אַלע ״ברידער״ אין סאַדיגורע, אין הוסיאַטין און אין טשערטקאָוו. ״זייערע חסידים דאָרט רעדן דערפון, נאָר בײַ ״זיי״ פרעגן — וויל זיך קײנער נישט אײַנשטעלן, און ״זיי״ אַליין, די ״ברידער״ — שווײַגן . . .

און אויסגעהערט האָט די ידיעה דער עולם. שטיל און אײנציקווײַז האָבן זיך די יונגעלײַט פון די רעדלעך אָפּגעטיילט, שטיל און אומבאַמערקט האָבן זיך די עלטערע פון די רעדלעך אַרויסגעדרייט און שווײַגנדיק זענען אַזוי די רעדלעך אויס געוואָרן. די טיר פון קלויז האָט זיך באַלד נאָך דעם אַלע מאָל נאָך אַן אַנדערן צוגעמאַכט — דער עולם איז זיך צעגאַנגען. דער שמש האָט די לאָמפּן אויסגעלאָשן און אויך אַליין אַרויסגעגאַנגען. אײנער אַליין נאָר איז ר׳ יוסף ישראל געבליבן. און בײַ דער שײַן פון אַ יאָרצײַטליכט, וואָס האָט אויפן עמוד געברענט, האָט ער ווײַטער אין מזרח אַרומגעשפּאַנט, פון וואַנט צו וואַנט זיך אַרומגעדרייט און געטראַכט זיך און געטראַכט.

ס׳איז דעמאָלט נאָך יום־טובים געווען. אין דרויסן איז באַלד אָסיען געוואָרן. און ייִדן האָבן זיך באַלד יעדערער צו זײַנעם גענומען. סוחרים צו האַנדל, מלמדים צום קנעלן און בחורים צו די גמרות. און ווי דער שטייגער איז — ייִדן זענען די גאַנצע טעג פאַרטראָגן געווען, פאַרדאַגהט, פאַרטון, געיאָגט און געלאָפן — פּרנסה. און, ווי כסדר, איז זיך דער טאָג — דער טאָג געווען, די גאַס — אַ גאַס און דער מאַרק — אַ מאַרק, אַלץ ווי עס באַדאַרף צו זײַן, ווי דער סדר עולם איז, און צוריק ווי תמיד. נאָר נישט ווי תמיד האָבן דעמאָלט ייִדן אין קלויז אין יענע אויפדערנאַכטן אויסגעזען. ווייניק פלעגן דעמאָלט אין קלויז נאָך מנחה־מעריב בלײַבן. און די, וואָס זענען יאָ געבליבן, פלעגן זיך אײנציקווײַז, שטילע, מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ און פאַרדאַגהטע, פאַרמרהשחורהטע, ווי די אבלים, אין די ווינקלען זיך צונויפזעצן, קעפּ און אויגן צו דער ערד אַראָפּגעלאָזט, שטיל, אין דער פינצטער און אַליין זיך אַזוי געזעסן, שטיל און אומעטיק געטראַכט זיך און שטיל און טרויעריק געזיפצט און געזיפצט . . .

איז אַ מאָל אַ יאָרצײַט געווען, צי האָט אַ ייִד אַ מאָל אַזוי זיך תיקון געגעבן, צום טיש אין מערב־זײַט צונויפגיין פלעגט מען זיך אויף אַ ווײַלע, בײַ דער יאָרצײַט־ליכט, נאָר לחיים געטרונקען, שטיל אַזוי, זיך געווינטשעוועט און באַלד

דערנאָך זיך צעגאַנגען, ווייַטער זיך אין די ווינקלען זיך צעזעצט, יעדערער מיט זייַן מחשבה, יעדערער מיט זייַן זאָרג און זייַן טרויער.

און געשוויגן האָבן דעמאָלט אַלע — קיינער האָט נישט געפרעגט, קיינער האָט נישט גערעדט, נאָר יעדערער איז זיך פאַר זיך פאַרדאַגהט אַרומגעגאַנגען, מיט שטילן טרויער אין די אויגן, מיט פאַרטראַכטער זאָרג אויפן פּנים און מיט מרה־שחורה און אומרויִקייט אין האַרצן...

---

און שטיל זענען זיך אַזוי טעג און וואָכן געגאַנגען. ווי אויף שפּיץ פינגער, שטיל און פאַרטראַכט האָבן זיך חסידים אין קלויז איינע אַרום די אַנדערע, ווי אַרום מסוכנע חולאים, אַרומגעדרייט. ווען ניט ווען, בשעתן אַרומדרייען, פלעגט זיך אַ מאָל איינער אַן אַנדערן זיך אַנשלאָגן, פלעגן זיי שטיין בלייַבן, פלעגן פאַרוואונדערט, מיט גרויסע אויגן, איינס אויפן אַנדערן קוקן אַ ווייַלע, פלעגן אָבער שטיל באַלד אָפּקירעווען, מיט די אַקסל געצויגן, אין פאַרשידענע זייַטן זיך צעגיין און ווייַטער זיך דרייען און דרייען, אויף און אָפּ, אויף און אָפּ.

שטיל זענען זיך אַזוי טעג און וואָכן געגאַנגען. אין אויר האָבן זיך עפּעס ווי טויבע קלאַנגען געטראָגן, טויבע שמועות און ידיעות, נאָר וואָס דאָרט איצט באמת טוט זיך, וואָס דאָרט קומט איצט באמת פאָר — האָט קיינער נישט געוווּסט. די, וואָס פלעגן תמיד אין דער צייַט "אַהין" אויף חנוכה פאָרן, האָבן איצט, אין "אַזאַ צייַט", נאָך אַ שטילן יישוב, די נסיעות זייערע אָפּגעלייגט. פון דאָרט אַליין האָט זיך קיינער נישט געוויזן, קיינער נישט געקומען: קיין גבאי, קיין משולח, קיין ידיעה...

געשמועסט האָט מען אפילו, אַז אַלטע חסידים, מקורבים און די גרויסע זקני הדור, זענען נוטה צו זאָגן: אדרבא, הן, הן גבורותיו — אָט דאָ שטעקט זייַן גבורה, אָט דאָ טאַקע ליגט זייַן גרויסקייט, וואָרעם — זיי האַלטן, — אַז דאָס איז אַזאַ דרך, "זייַן" דרך, זייַן אייגענער, און אַז דאָ שטעקן סודות ורמזים טאַקע פונעם גרויסן, פונעם אמתן צדיק הדור, — יאָ, אַזוי האָט מען געשמועסט, דאָך נישט פאַרשטאַנען האָט דאָס דער עולם, נישט דער מוח האָט דאָס משיג געווען, וואָרעם, וואָס הייסט? און געוווּסט האָט מען ביי אונדז, אַז איין ר׳ יוסף ישראל האָט וועגן דעם וואָס צו זאָגן און וואָלט עפּעס געקאָנט זאָגן, נאָר פרעגן אים האָט קיינער נישט געפרעגט און ער אַליין האָט געשוויגן. ער פלעגט זיך ביחידות און פאַרטראַכט אין מזרח אַרומדרייען, שעהן־לאַנג, אַזוי ביי טאָג, אַזוי אויף דער נאַכט, ווען ניט ווען נאָר זיך ביי אַ פענצטער אָפּשטעלן, שטיל און לאַנג דאָרט שטיין און קוקן און קוקן.

און אַרויסגעקוקט האָבן חסידים און אויף אַ שעת הכושר געוואַרט און האָבן זיך סוף כל סוף דערוואַרט...

---

איין מאָל, און אין דעם אויפדערנאַכט איז עפּעס אַ גרויסער יאָרצייט געווען. אַ גרויסער עולם האָט זיך דעמאָלט אין קלויז אַריין צונויפגעקליבן. אַרום טיש,



וואָס איז ביי דער הרובע אין מערב געשטאַנען, זענען דעמאָלט סאַמע אַלטע געזעסן, די סאַמע עלטסטע און שענסטע פון יענעם דור, וואָס זענען נאָך צו די אַלטע געפאָרן, וואָס האָבן נאָך אַליין די גרויסע זכיה געהאַט די אמתע צדיקי הדור מיט די אייגענע אויגן זען — סאַמע אַלטע, מיט גראָע און זילבערנע בערד, מיט גרויסע און שיינע שטערנס און מיט ריינע, קלאָרע ריינע אויגן. געווען איז דאָרט בשעת מעשה ר׳ יוסף ישׂראל אַליין — דער גרויסער ייד, דער גרויסער חסיד און שטעלער אויף זיך, וואָס האָט אַ מאָל זיך אין "זייערס" אַ מחלוקת אַרייַנגעמישט און טאַקע זייַן פּסק באַקומען; געווען איז דאָרט אויך חיים איצי דער חזן, וואָס האָט נאָך בייַם ריזשינער יום־כּיפּור אויף דער נאַכט דעם "אדון עולם" געזונגען, הייַנט אַליציק יאָסל — דער שיינער ייִד, דער גרויסער תלמיד חכם און די רעכטע האַנט בייַם סאַדיגורער; און חיים ישׂראל, דער מלמד — דער ווילדער ירא שמים און דער אמת פרומער ייִד; געווען זענען אויך אהרן דער בעל־זוהר און בעל־קבלה, און נאָך. ס׳איז שוין שפּעט אויף דער נאַכט געווען. און געזעסן זענען זיך די אַלטע אַרום טיש און אַרום זיי, אָן זיי אָנגעשפּאַרט, איבער זייערע פּלייצעס איבערגעבויגן, זענען מיטעלערע און ייִנגערע געשטאַנען — אָנגעגרייט פון די אַלטע מעשׂיות און מאמרים אויסהערן.

שטיל זענען די זקנים געזעסן. אויפן טיש איז משקה געשטאַנען, נאָר קיינער האָט זיך דערווייַל פון אָרט נישט גערירט. ס׳האָט אַלע מאָל נאָר איינער אַ זיפץ געטאָן און בייַ די איבעריקע אַ זיפץ אַרויסגערופן. שטילער ווי תמיד זענען הייַנט די זקנים געזעסן, און נישט געווען איז הייַנט ווי אַלע מאָל, וואָס איינער דערציילט און די איבעריקע הערן זיך אייַן, ניין. עטלעכע פאַרלעך נאָר, איינס צום אַנדערן אָנגעבויגן, קאָפּ צו קאָפּ און פּנים צו פּנים שטיל, נישט אין דער הייך האָבן זקנים צווישן זיך געשמועסט, גערעדט און זיך דערציילט. די איבעריקע זענען זיך גלאַט געזעסן, אַזוי זיך געשוויגן, געטראַכט און געקוקט. דער איבעריקער עולם האָט זיך אויף קליינע קיבוצים צעטיילט און יעדער קיבוץ האָט זיך הינטער די פּלייצעס פון אַן אַנדער זקנים־פּאָר געשטעלט און שטיל, מיט גרויס כוונה צו די זקנים זיך צוגעהערט. שטיל גערעדט האָבן צווישן זיך די זקנים און עפּעס אומבאַמערקט, אייַנציקווייַז אַנטשוויגן געוואָרן און אויפגעהערט. בייַם עק טיש איז ר׳ יוסף ישׂראל געשטאַנען, מיט די הענט אויפן טיש אָנגעשפּאַרט, און זיך עטוואָס איבער אים איבערגעבויגן. זייַן קאָפּ, באָרד און פּנים זענען באַלויכן געווען: דעם קאָפּ עטוואָס אויסגעדרייט געהאַלטן, אַליין, ווי צום לאָמפּ געקוקט און דערציילט... באַלד האָבן זיך אַלע אויגן אין איין זייַט געווענדט. דער טיש איז באַלד באַלאַגערט געוואָרן. זקנים, וואָס זענען בייַם אַנדערן עק געזעסן, האָבן זיך איבערן טיש איבערגעבויגן און צו יענעם עק אָן אויער צוגעלייגט. די אַרומיקע קיבוצים זענען באַלד אויס געוואָרן: שטילער, שטילער, ר׳ יוסף ישׂראל רעדט.

און ר׳ יוסף ישׂראל האָט דערציילט:

די מעשׂה איז נאָך אין ריזשין געווען. איך בין נאָך דעמאָלט גאָר אַ יונגערמאַן געווען. געווען איז דעמאָלט ווינטערצייַט, אין איינער פון די שבת־נעכט. זענען מיר — איך, משה ר׳ דודלס און נאָך אַ יונגערמאַן — בייַ אים, אין זייַן חדר געשטאַנען.

ער איז זיך אַזוי אויף דעם שטול געזעסן, דעם קאָפּ אויפֿן אָנלען פֿאַרוואָרפֿן און די אויגן צוגעהאַלטן. מיר זענען פֿון דער ווײַטנס געשטאַנען און שטיל אויף זײַן פּנים געקוקט. געזען האָבן מיר, ווי ס'האָט בײַ אים אַלע מאָל פֿריער אַ ברעם און דערנאָך דער גאַנצער גוף אַ ציטער געטאָן. און געזעסן איז ער אַזוי דעם קאָפּ פֿאַרוואָרפֿן און שטאַרק, שטאַרק פֿאַרטראַגן. מיר האָבן געזען, ווי מחשבות, ממש לעבעדיק, זענען אים איבערן שטערן אומגעגאַנגען. ער איז אַזוי נאָענט געווען און דאָך האָט זיך אונדז אויסגעוויזן אַזוי ווײַט, ממש מיטן אויג נישט אָנצוזען. עפּעס אַ ווילדע און אומגעהײַערע ווײַטקייט האָבן מיר אויף זײַן שטערן געזען, ווי ער וואָלט ערגעץ איצט אין אומגעהײַערע, ווײַטע, ווײַטע עולמות מיט זײַן מחשבה פֿאַרטאָן געווען. פּלוצלונג . . . און ער האָט מיט אַ מאָל די אויגן אָן עפֿן געטאָן און צעמישט מיט זיי זיך אַרומגעקוקט, צעמישט האָט ער עפּעס מיט זיי געזוכט און מיט אַ מאָל אויף אונדז מיט זיי זיך אָפּגעשטעלט. ווי פֿון אַ ווײַטער און פֿרעמדער וועלט איז ער איצט מיט זײַנע אויגן אָנגעקומען און ווײַט, ווילד און פֿרעמד אויף אונדז געקוקט. אַ פּאָר מינוט אַזוי געקוקט און מיט אַ מאָל אַ זאָג געטון: "יונגע־לײַט, קוקט אויף מיר . . . קוקט אויף מיר . . . יונגע־לײַט קוקט זיך אין מיר אײַן, כל זמן איך בין נאָך דאָ . . ." ער איז אויף אַ מינוט אַנטשוויגן געוואָרן. דעם קאָפּ צוריק פֿאַרוואָרפֿן און באַלד אויפֿגעהויבן, ער האָט אַ קרעכץ געטון: "אַך . . . ווייסט, ווען איך זאָל געווען זײַן אין בעל־שמס צײַטן, וואָלט געווען אַ חידוש, ווען איך זאָל געווען זײַן אין רמ"אס און אין רש"יס צײַטן וואָלט אויך געווען אַ חידוש . . ." ער האָט ווײַטער דעם קאָפּ פֿאַרוואָרפֿן, עטלעכע מינוט אים אַזוי געהאַלטן, דערנאָך אים מיט אַ מאָל אַ הייב געטאָן: "ווייסט, ווען איך זאָל געווען זײַן אפֿילו אין משה רבינוס צײַטן, וואָלט אויך געווען אַ חידוש! . . ." ער האָט זיך גלײַך אויף זײַן שטול געזעצט, אַ פּאָר מינוט געטראַכט און ווײַטער אָנגעהויבן: "השמים שמים לה׳ — נעמט זיך אַזאַ גרויסער גאָט, אַזאַ גרויסער, גרויסער כביכול און פֿאַרזעצט זיך אַזוי הויך אַוועק, פֿאַרקלײַבט זיך אין אַזעלכע ריינע הימלען אַרויף . . . און אַזעלכע קליינע, שוואַכע און נישטיקע ברואים לאָזט ער אויף אַזאַ זינדיקער, זינדיקער ערד איבער . . . און ווייניק איז אונדז דאָס לעבן אַליין מיט אירע אַלע דאגות, צרות און יסורים, נעמט ער און שיקט נאָך אויף אונדז אַ יצר הרע אָן, תאוות, זינד און מיתה. איך פֿרעג: רבונו של עולם, ווו איז יושר? דער יצר הרע דײַנער, זינד דײַנע, תאוות דײַנע און אָפּקומען קומען מיר. איך פֿרעג: חי וקים! וואָס הייסט דאָס? קאַרג איז אונדז דער עולם השפֿל דײַנער, מיט אַלע זײַנע מיאוסקייטן, דאַרפֿן מיר נאָך פֿון טויט וויסן, דאַרפֿן מיר נאָך שטאַרבן אויך? . . ." דאָ האָט ער זיך אַ שטעל אויף געטאָן: "איך זאָג אײַך דערום, הערט! די זינד פֿון מײַנע קינדער, פֿון מײַנע קינדס קינדער, פֿון אַלע יידן, פֿון אַלע צײַטן און אַלע דורות עד סוף כל הדורות — נעם איך אויף מיר, אויף מיר . . . מײַן טויט, מײַן טויט אַליין וועט זיי מכפּר זײַן! . . ."

אָפּגעשטעלט האָט זיך ר׳ יוסף ישראל און שווער דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט. דער עולם איז מיט אויפֿגעשטעלטע מויל און אויערן, נישט גערירט, נאָך ווי פֿריער געשטאַנען און אויף ר׳ יוסף ישראל געקוקט. פּלוצלינג . . . און ר׳ יוסף ישראל האָט



זיך אַ שטעל אויף געטאָן, דעם גוף אויסגעגלײַכט און דעם קאָפּ אויפֿגעהויבן. אין די אויגן בײַ אים האָט זיך אַ פֿײַערל אָנגעצונדן און דאָס פּנים האָט געפֿלאַמט . . . ער האָט אַ זאָג געטון: "יידן! איך זאָג אײַך — אַ קל איז דער, וואָס רעדט אויף אַ פּושע ישראל, עתיד ליתן את הדין איז דער, וואָס רעדט אויף אַ פּראָסטן יידן און עפּרא לפּומיה, עפּרא לפּומיה דעם, וואָס איז חושד בנים של קדושים ובפרט, ובפרט דעם קדוש, דעם צדיק אַליין . . . יידן, אונדזערע הייליקע ספֿרי יראים זאָגן: אין דער טיפֿסטער טומאה, אין מיאוסטן זומפּ זענען ערשט די אמת ריינע, די אמת הייליקע ניצוצין פֿאַרשטעקט . . . און איין צדיק קאָן זיך אַהין אַראָפּלאָזן, איין צדיק דאַרף זיך אַהין אַראָפּלאָזן, איין צדיק נאָר קען זיי פֿון דאָרט אויפֿברענגען און זיי מתקן זײַן . . . שבע יפּול צדיק וקם — מען דאַרף זיבן מאָל, כדי מען זאָל באמת אויפֿשטיין און באמת גרויס זײַן, מוז מען פֿאַלן, דאַרף מען, דאַרף מען פֿאַלן . . ."

ר׳ יוסף ישראל איז אַנטשוויגן געוואָרן. דער עולם איז פֿאַרגאַפֿט געווען. אַ פּאָר מינוט איז נאָך יעדערער מיט פֿאַרטראַכטע אויגן אין זיך פֿאַרטראַכט געזעסן: יעדערער נאָך זײַן השגה נאָך האָט זיך אין דער זאַך מעמיק געווען און אויף זײַן שטייגער זי זיך פֿאַרשטאַנען, נאָר באַלד איז דעם עולם גוט געוואָרן. די זקנים האָבן די קעפּ אויפֿגעהויבן. אויגן און שטערנס האָבן זיך אויסגעלײַטערט, און די פּנימער האָבן געלויכטן . . . פֿריילעך און אויפֿגעלייגט איז באַלד דאָס קעלישעקל פֿון האַנט צו האַנט געגאַנגען: דער עולם האָט לחיים געטרונקען. די נשמה זאָל האָבן אַן עליה, אַלע נשמות אַן עליה, און יידן אַן עליה . . . שוין צײַט, שוין צײַט, רבונו של עולם . . . און אמת אויפֿגעלייגט און אמת פֿריילעך האָט דער עולם דערנאָך נאָך גערעדט און מעשיות דערציילט. און נאָך ביז שפּעט אין דער נאַכט, העט־העט נאָך חצות דעמאָלט אין קלויז זיך פֿאַרזעסן . . .

---

גובר געווען, ווי ס'איז ידוע, האָבן דאָך "זיי" . . . ער איז סוף כל סוף, אין גאַנצן צו "זיי" קיין טשערנאָוויץ איבערגעפֿאָרן.

מען האָט דערציילט, אַז דעם שבת, נאָך זײַן אַוועקפֿאָרן, איז צו קריאת התורה דער סאַדיגורער צו דער בימה צוגעגאַנגען, אַ קלאַפּ געטון און אויסגערופֿן: "יידן! אַ סך פֿון אונדז האָבן ביז אַהער געמיינט און אַ טייל מיינען נאָך איצט אויך, אַז דעם ברודערס דרך איז אויך אַ דרך, זײַן דרך — יידן, מיר זענען אײַך מודיע, איז קיין דרך נישט! ער איז אַראָפּ פֿון וועג! . . ."

---

און טאַקע אַן אמתער צער איז דערנאָך געווען צו זען, ווי אַלטע, גרײַז־גראָע יידן, די עלטסטע חסידים, די זקני הדור האָבן זיך, נעבעך, ווי די שאָף אָן אַ פּאַסטעך, אומגעבלאָנקעט — אָן אַ חוזה, אָן אַ טרייסט און אָן דעם אמתן מורה דרך . . . טייל האָבן אפֿילו געפּרוּווט נאָך דערנאָך אַרומפֿאָרן און "זוכן", נאָר קיינער פֿון זיי האָט שוין גאָרנישט ניט געפֿונען, דאָרט גאָרנישט ניט געפֿונען, דאָרט גאָרנישט ניט

געזען... די אַלטע האָבן מיט די קעפּ געדרייט, נישט גערעדט, חלילה, נאָר מיט די אַקסל געקנייטשט: דור דור ומנהיגיו — יעדער דור מיט זײַן מנהיג... מסתמא וויל דער רבונו של עולם אַזוי... און געקרעכצט האָבן די אַלטע און מיט האַרץ און אויגן געבענקט צום אַמאָל, צו דעמאָלט, צו "יענע", צו "זיי"...

און אומגעגאַנגען זענען אין די קלויזן אין די גרויסע זומערטעג און אין די לאַנגע ווינטערנעכט איינע אַליין די גרײַזע זקנים. די שטרײַמלעך אויף הינטן פאַררוקט, מיט די ליולקע־ציבעקס אין די מײַלער, שטיל און פאַרטראַכט זיך אַזוי אומגעגאַנגען און געפּיפּקעט און געפּיפּקעט...

שטיל און פאַרטראַכט זענען זיך אַזוי די זקנים אומגעגאַנגען און שטילע און נישט געטרייסטע זענען זיי אַזוי איינציקווײַז אויפן עולם האמת איבערגעגאַנגען, אַזוי שטיל און איינציקווײַז, שטיל און איינציקווײַז עד תום כל הדור — ביז ס'איז קיינער פון דעם דור נישט געבליבן.

---

דער סוף פון דער מעשה איז דאָך ידוע: ער איז אַ שטיק צײַט נאָך בײַ "זיי" דאָרט אָפּגעווען. דערנאָך האָט מען אים קיין סאַדיגורע געבראַכט... און שוין: מער האָבן חסידים פון אים נישט גערעדט, מער האָבן חסידים זײַן נאָמען נישט דער־מאָנט...

פון אַלע "זײַנע" חסידים בײַ אונדז איז נאָר איין ר' יוסף ישראל נאָך געבליבן. ער פלעגט אַזוי דערציילן, אַז אַלע יאָר, אין דעם טאָג, וואָס ער האָט זיך צוריק פון טשערנאָוויץ אומגעקערט, פלעגט דער ברודער, דער סאַדיגורער צו אים מיט זײַן קאַרעטע צופאָרן. "ער" פלעגט אַרויסגיין, אַן ווערטער אין קאַרעטע זיך זעצן און בײדע פלעגן אין וועלדל, וואָס הינטער דער שטאָט, אָוועקפאָרן. דאָרטן פלעגן זיי אַראָפּגיין, אין וואַלד אַרײַן, זיך איינס קעגן דאָס אַנדערע שטעלן, און נישט גערעדט און נישט געזאָגט אַזוי אַ שעה און מער אין די אויגן זיך קוקן. שטיל אַזוי געשטאַנען און לאַנג איינס דעם אַנדערן אין די אויגן זיך געקוקט. מען האָט דערציילט, אַז כסדר פלעגט "ער" זײַנע אויגן פאָרן ברודערס אַראָפּלאָזן.

אַזוי פלעגט זײַן תמיד, תמיד אין דעם טאָג, אַלע, אַלע יאָר — אַ יאָר זיבן, אַכט כסדר — ביז ער איז נפטר געוואָרן.



## דוד האָפּשטיין

### אין יידישן וואָרט

אין יידישן וואָרט, ווי ס'איז ווילד, ווי ס'איז מילד, ווי ס'איז טײַער,
איז פֿאַראַן אַזאַ רוף צו באַנײַונג, איז פֿאַראַן אַזאַ העלישער פֿײַער,
אַז ווינטן, וואָס ציִען אויף וועלטישע ברייטע באַראָטן,
ניט קענען פֿאַרבלאָזן זײַן גליִענדן אָטעם,
און אַשן פֿון תקופֿות ניט קענען זײַן צונטער פֿאַרגרויען,
זײַן מונטערן צונטער, וואָס העלט זיך אויף שטילקייט פֿון בלויען.

אין יידישן וואָרט, וואָס איז אָקערשט אַרויס פֿון די צוואַנגען,
וואָס אומרויִק זוכט זיך נאָך פֿעלדער און סטעפּעס,
איז פֿאַראַן שוין די זיכערע רו אין די ברייטקייט פֿון עפּאָס.
און ניט נאָר בײַ הייליקע שומרים — אין וואָרט בײַ די פּשוטע היטערס,
הערט זיך דער אָנהייב פֿון שטאָלצע געזאַנגען פֿון שניטערס,
הערט זיך דער אָנזאָג אויף מונטערע קלאַנגען פֿון שײַער —
אין יידישן וואָרט, ווי ס'איז ווילד, ווי ס'איז מילד, ווי ס'איז טײַער...

פון בוך "פון אַלע מיינע וועלטן", כאַרקאָוו מלוכה-פאַרלאַג 1929